STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07020

ZING, ZINGER

Zelig Dorfman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זעליג דאָרפמאַן

זינג זינגער

פאַרלאַג „אונטערוועגנס"
ניו־יאָרק, 1938

SING SINGER

Poems by

ZELIG DORFMAN

Copyright 1938 by
ZELIG DORFMAN
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 WEST 21st STREET
NEW YORK, N. Y.
255

באַגינען

מיין זעליגער מוטער
חיה.

די מאַמע

די מאַמע ליגט אין בעט אַ קראַנקע.
דער ברודער שיילט קאַרטאָפל.
איך, מיט נאַקעטע פיס אין פאַנטאָפל,
וואַרעם זיך ביים אויוון אין דער באַנקע.

אין שטוב איז שטיל. דער מאַמעס קרעכץ
רייסט אַמאָל די שטילקייט איבער.
דורכן פענצטער, מיט גרויען שרעק,
קוקט דער פראָסט צו מיר אַריבער.

קליידער

קליידער טראָגן מיר פון געפּאַרבטע זעק,
שיך מיט הילצערנע זוילן,
רונדע דייטשן מיט שאַרפע העק,
האַקן אַלע וועלדער אויס פון פוילן.

אין שטוב איז קאַלט,
נעמט מען גראָבע שטריק
און מען גייט אַוועק אין וואַלד,
מיט פולע בונטן צווייגן קומט מען צוריק.

מיר גייען

מיר גייען איין פון טאָג צו טאָג,
און קיינער ווייס ניט אונדזער בראָך.
און קיינער ווייס ניט אונדזער קלאָג.

דער מאַמעס אויגן טרערן, טרערן:
קינדער וואָס וועט מיט אונדז זיין?
קינדער וואָס וועט פון אונדז ווערן?

מיר פאַרשטייען אירע רייד,
און מיר בלייבן אַזוי שטיל,
און מיר וויינען שטילערהייט.

די מאַמע וויינט שוין איצט ניט מער.
זי נעמט אונדז איין מיט גוטע רייד.
קושט אונדז אָפּ פון באַק אַ טרער.

און זי גלעט אונדז אַזוי צאַרט,
און זי גלעט אונדז אַזוי ליב:
גוטע קינדער, שטילע קינדער,
עס וועט אונדז נאָך אַמאָל זיין גוט.

אַלע זונען

אַלע זונען האָבן זיך שוין פאַרלאָשן.
אַ וואָרט פון טרייסט פון קיינעם ניט צו הערן.
שוואַרצע וואָלקנס פאַרציען דעם הימל,
און טעג וויינען מיט ביטערע טרערן.

אין שטוב איז טונקל, מיר זיינען די שאָטנס,
וואָס קריכן אַרום אויפן דיל און אויף די ווענט.
דאָס לעצטע שטיקל ברויט האָט מען אויפגעגעסן,
דאָס לעצטע ביסל ליכט האָט אויסגעברענט.

מיר זיינען גוטע קינדער פון צער און פון נויט.
מיר מאַכן אונדזער ליבע מאַמען ניט צו שווער.
מיר גייען שלאָפן הונגעריקערהייט,
און שטיל, אויפן געלעגער, קאַפּעט אונדזערע אַ טרער . . .

זומער

אַז דער ליבער זומער קומט,
גייט די מאַמע פון בעט אַרויס;
פאַרשפּרייט אַ ליילאַך אויפן גראָז,
און שפּאַרט זיך צו ניט ווייט פון הויז.

זי ליגט אין שאָטן פון אַ בוים —
אין שאָטן איז גוט אַזוי צו ליגן.
איר בלאַסער פּנים דרעמלט איין.
איך טרייב אַוועק די פליגן.

ליבע מאַמע

ליבע מאַמע, טייערע מאַמע,
וואָס האָסטו געטראַכט דעם לעצטן טאָג ?
האָסטו געקוקט מיט די אויגן,
און גאָרנישט ניט געזאָגט —
אַ הייליקע ווייסקייט האָט זיך איבער דיר פאַרצויגן.

ליבע מאַמע, טייערע מאַמע,
וואָס האָסטו געטראַכט דעם לעצטן טאָג ?
מיר האָבן גערעדט צו דיר מיט אַזויפיל טרערן,
דו האָסט געקוקט מיט די אויגן און גאָרניט ניט געזאָגט.

באַגינען

דער ריזיקער פּענכער האָט זיך געבלאָזן און געבלאָזן,
מיטן האַס און צאָרן, פון יאָרן און יאָרן.
ביז צייט איז געקומען מיט שאַרפער נאָדל,
און אויפגעשטאָכן ווי מען שטעכט אויף אַ בלאָטער.
און האַס און צאָרן האָט זיך צעווייעט איבער דער גאָרער וועלט.
יעדער מענטש האָט געאָטעמט מיט האַס,
און יעדעס האַרץ איז פול געוואָרן מיט צאָרן.

און די קינדער פון גאָט האָבן זיך דערמאָנט,
אַז זיי האָבן ביקסן און זיי האָבן שווערדן,
וואָס זשאַווערן שוין פון יאָרן.
האָבן טייל געלאָזן די ווייבער און קינדער.
און אַנדערע האָבן ניט דערשניטן אויפן פעלד דעם קאָרן.
זיי האָבן זיך אָנגעגורט מיט אַלערליי כלי־זיין,
זיי האָבן איינגעשפּאַנט די בעסטע פערד,
און האַרמאַטן רעדער האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען.

און זיי זיינען געקומען איינער אויפן צווייטן
מיטן קול פון האַרמאַטן.
מיטן האָגל פון קוילן און האַנט־גראַנאַטן.
אַלע בערגער און אַלע טאָלן,
אַלע טייכן און אַלע ימען,
האָבן זיך געררויטיקט מיטן בלוט פון מענטשן־מין.

פאַרשעמט האָט די זון געשיינט אויפן הימל,
און די ערד האָט געצאָרנט,
און אויפגעבלאָזן הויכע בערגער,
און געשליידערט מיט די גרעסטע שטיינער.
שטעט האָבן זיך געצונדן,
און דערפער זיינען אָפּגעווישט געוואָרן.
אויף אַלע וועגן און אויף אַלע שטעגן
איז דער מענטשן־מין געלעגן,
מיט אָפּגעריסענע קעפּ
און געעפנטע בייכער.

פאַרלאָזן און וויסט זיינען די פעלדער געשטאַנען,
אין האַרבסט האָט גאָרניט ניט געוויאַנעט,
און אין פרילינג האָט גאָרניט געבליט.
דער הונגער־טויט האָט געלאָקערט אויף אַלע וועגן,
און דערגרייכט ביז די וויגן פון קינדער.

און מיר איז דאַן באַשערט געווען די ערשטע טריט צו שטעלן.
און מיר איז דאַן באַשערט געווען די ערשטע זעאונג צו זעען.
איך האָב געזאָגט צו דער מאַמען: מוטער, שטיל דיין האַרץ,
און טרער ניט מער מיט דיינע אויגן,
איך נעם אַ טאָרבע אין דער האַנט,
און וועל זיך לאָזן אויף ברייטע וועגן.
איך וועל טרעפן מענטשן דערבאַרעמדיקע,
איך וועל טרעפן מענטשן גוטע,
איך וועל זיי דערציילן פון מיין לעבן,
איך וועל קריגן חן אין זייערע אויגן,
איך וועל קריגן ברויט און וועל קריגן קליידער,
און איך וועל עס ברענגען צו דיר און מיין טייערן ברודער.

די מאַמע האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד,
און הערנדיק אַזוי,
איז זי געוואָרן שטיל ווי אַ טויב,
און ווייס ווי שניי.
איך האָב געזען מיין בראָך,
און איך האָב געזאָגט צו זיך:
ווי איז איצט מיין לעבן,
און פינצטער איז איצט מיין וועלט.
איך האָב פאַרלאָזט מיין שטוב,
און מיט באָרוועסע פיס
זיך געלאָזן אין דער ברייטער וועלט.

כ׳האָב באַגעגנט טעג ווי גיפּטיקע פּיילן,
כ׳האָב באַגעגנט נעכט ווי שוואַרצע שלאַנגען,
כ׳האָב באַגעגנט בעטלער אין לאַנגע שורות,
און איך האָב באַגעגנט מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט,
און זיי האָבן מיך אָפּגעשטעלט,
און זיי האָבן מיך געפרעגט:
זון, פון וואַנען דו קומסט זיינען מענטשן גוטע?
און ברויט גיבן זיי?
און געלעגערס זיינען דאָרט פאַראַנען?

אין איך האָב זיי געענטפערט:
וואָגלענדיקע קינדער,
דאָרטן, וואו אייערע פיס ציען,
איז גאָל די ערד.
און יעדעס האַרץ איז דאָרט פאַרשטיינערט,
און יעדעס אויג איז דאָרט פאַרטרערט.
זיי האָבן מיך אָנגעקוקט מיט בלאַסע געזיכטער,
זיי האָבן ניט געזאָגט: יאָ.
זיי האָבן ניט געזאָגט: ניין.
נאָר מיט געבויגענע קעפּ,
און פאַרגליווערטע אויגן,
ווייטער אין דער וועלט אַריין געצויגן.

און איך האָב געוואַנדערט און געוואַנדערט,
פון אָרט צו אָרט,
דאָ געגעכטיקט און דאָרט געטאָגט,
ביז דער ווינטער איז געקומען,
מיט קעלטן שאַרפע,
און שנייען טיפע,
און איך האָב געטראַכט צו זיך:
ניט מיט איין טויט וועל איך שטאַרבן,
וואָרום מיין ד״האַרץ גייט אויס פון הונגער,
און מיינע פיס זיינען געשוואָלן פון קעלט.
און איך האָב געגרייכט אַ שטאָט אַ גרויסע,
און פון שטוב צו שטוב בין איך געגאַנגען,
כ׳האָב געבעטן וואַרימקייט, כ׳האָב געבעטן ברויט.

אָבער די מענטשן דאָרטן זיינען שלעכטע געווען,
זיי האָבן ניט געזען מיין נאַקעטקייט,
האָבן ניט פאַרנומען מיין צער,
האָב איך פאַרלאָזט די שטאָט,
מיט אַ נידערגעשלאָגן האַרץ.
און מיט באָרוועסע פיס
איבער שנייאיקע וועגן,
ווייטער אין דער וועלט אַריין געצויגן.

מיטן דוך פון מיין מויל
האָב איך מיינע הענט געוואַרעמט,
און מיין גוף האָב איך געשפּייזט
ביי די זאַטע טישן פון מיינע חלומות,
וואָס איך האָב אויסגעחלומט
אין הקדשן, אין שולן.
ווי איז געווען מיין לעבן,
און פינצטער איז געווען מיין וועלט.

דער ווינטער איז אַוועק,
דער זומער איז געקומען,
און וואו איז מיין ברודער?
מיין איינציקער ברודער?
כ׳האָב אים געזוכט אויף די וועגן,
וואָס פירן אין קליינע דערפער,
כ׳האָב אים געזוכט אויף די וועגן,
וואָס פירן אין גרויסע שטעט.
ביז כ׳בין געקומען צו אַ שטעטל אַ קליינס,
דאָ זע איך אַ יונג:
צוויי עמערס הענגען שווער אויף זיינע אַקסלען,
און קליידער טראָגט ער ווייסע ווי אַ בעקער.

שטאַרקער האָט אָנגעהויבן מיין האַרץ צו שלאָגן,
און פולע טראָפּנס פרייד זיינען געשטאַנען אין מיינע אויגן.
מיר האָבן זיך דערקאָנט,
אונדזער פרייד איז ניט צו באַשרייבן,
אונדזער פרייד איז ניט צו דערציילן.
ער האָט מיך גענומען אַהיים צו זיך,
מיין הונגער האָט ער געשטילט,
אויף מיין לייב האָט ער אָנגעטאָן קליידער,
אויף מיינע פיס האָט ער אָנגעטאָן שיך.

נאָך אַ זומער איז געקומען,
נאָך אַ ווינטער איז אַוועק.
אויף די מיילער פון האַרמאַטן
האָט מען אָנגעטאָן שוואַרצע זעק.
און שטיל איז געוואָרן אויף דער וועלט,
ווי נאָך אַ מבול.
אַלע טויערן האָבן זיך ווידער געעפנט,
אַלע שיפן זיינען ווידער געפאָרן.
און דער טאַטע האָט פון אַמעריקע געשריבן:
זון טייערער, קום צופאָרן!

איך בין אַוועק אויף מיין מאַמעס קבר,
און איך האָב ביטער געוויינט.
איך האָב די ערד געקושט,
און איך האָב געזאָגט:
מאַמע טייערע,
רו און פרידן.
איך לאָז דיך איבער.
איך פאָר צו אַ לאַנד ,וואָס איז מיר פרעמד,
און צו אַ פאָטער, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען.

זינג זינגער

זינג זינגער

זינג זינגער און וויין וויינער.
פון קלאָרע טרערן ווערן אויגן רײנער,
פון שיינע לידער ווערן הערצער גרינגער.
וויין וויינער און זינג זינגער.

זינג און זינג ווען די זון שיינט אויף,
וויין און וויין ווען די זון פאַרגייט.
זינג און זינג, וויין און וויין,
דיין גאַנצן לעבן ביזן טויט.

אין אָוונט זיפּ פון קריגל וויין,
אין אָוונט עס דאָס שוואַרצע ברויט,
דאָס שוואַרצע ברויט, דער קריגל וויין,
דיין גאַנצן לעבן, ביזן טויט.

אין אירע אָרעמס דרימל איין,
דרימל איין מיט שטילן פרייד
נאָכן ברויט און נאָכן וויין,
דיין גאַנצן לעבן, ביזן טויט.

פרילינג

I

אָנהייב פון אַלץ וואָס הייבט זיך אָן.
בליאונג פון אַלץ וואָס פאַרגייט.
אין פרילינג בליט ער, הייבט ער זיך אָן,
און אין האַרבסט ווערט ער צייטיק — דער טויט.

אויף די ביימער בליט דער ווייסער צוויט.
אויף דיין קאָפּ בליען זילבערנע האָר.
און איך בין ווי אַ פּאָן וואָס פלאַטערט ניט,
צווישן ריזיקע ווענט פון שטיין און מאַרמאָר.

די קראַנקע שטייגן פון די בעטן אַראָפּ.
שטייען אין די פענצטער פאַרגליווערטערהייט.
די קאַלטע אויגן פאַרגלאָצט צום טאָג,
די אָרעמע געזיכטער קאַלך טויט.

אין דרויסן איז מאַי — דער גאָלדענער מאַי,
מיט בליאונג, מיט פרייד און מיט זון.
און איך גיי אַלעמען אַזוי שטיל פאַרביי,
קוק אַלץ מיט אַזוינע מילדע אויגן אָן.

דער טאָג גייט און ער גייט אַוועק.
דערנאָך קומט די נאַכט — דער שטענדיקער געדריי.
אין דער נאַכט דרייען זיך אַזויפיל געשטאַלטן אום,
און איך דריי זיך אויך צווישן זיי.

II

דער פרילינג בליט — וואו בליט דער פרילינג ?
וועלדער גרינען — וואו גרינען וועלדער ?
דער פרילינג בליט,
און יעדער דיכטער שרייבט זיין ליד,
און איך שרייב אויך מיין ליד.

יעדער אָנהייב האָט אַ טרויעריקן עק.
דורכן וויסט פון לעבן ציען קאַראַוואַנען,
מיט געבויגענע פּלייצעס און שוואַרצע זעק —
יעדער אָנהייב האָט אַ טרויעריקן עק.

דער פרילינג בליט,
און הערצער זיינען פול מיט פרייד,
ווי באַלונען אָנגעבלאָזענע ביז צום פּלאַצן,
און הערצער זיינען פול מיט פרייד,
ווי די זון איז פול מיט זון,
ווי דער קאָרפּס איז פול מיט טויט.

ווי באַלונען אָנגעבלאָזענע ביז צום פּלאַצן,
און זילבערנע בעכער, רויִשן אויף זילבערנע טאַצן,
און נאַקעטע דאַמען זינקען אויף ווייכע מאַטראַצן.

דער פרילינג בליט,
און וואו איז מיין ליד, פון די געאָדערטע הענט ?
פון דער פּאַן וואָס גליט ?
פאַרלאָשן בין איך און אויסגעברענט.

לידער זיינען פאַרשריבענע ווערטער,
און ווערטער זיינען רייד וואָס אַנטפּלעקן.
איך אַנטפּלעק מיין האַרץ אויפן פּאַפּיר :
דער וועג דרייט זיך ווי אַ שלאַנג אַרום מיר.
און וואו איז דער עק ?
יעדער אָנהייב האָט אַ טרויעריקן עק.

קום מיין קאָלדרע

קום מיין קאָלדרע, דעק מיך נאָך צו.
אויפשטיין פרי ניטאָ פאַרוואָס;
וואויל דעם פערד, וואויל דער קו —
פאַר זיי איז דאָס פעלד באַוואָקסן מיט גראָז.

קום מיין קאָלדרע, דעק מיך נאָך צו.
איך וועל חלומען פון אַ פראָסטער הויז,
מיט טאָרבעס שוואַרצע ביי די ווענט,
און בעטלער זיצן ביי לאַנגע טישן,
מיט ווייסע טישטעכער געשפרייט,
און עסן שוואַרצן ברויט,
און טרינקען טיי,
און איך בין אויך צווישן זיי.

ווייַן פאַנטאַזיע

דער ווייַן האָט אויסגעטרונקען מייַן גאַנצן פאַרשטאַנד,
איצט וואָגל איך אַ וויסטער פון וואַנט צו וואַנט.
מייַנע שיכורע פיס, וואו פירן זיי מיר ?
צו אַ בלינדנס טאָרבע, צי צו אַ גרעפינס טיר ?
צי פירן זיי מיך צום אונטערגאַנג,
דורך וועגן, וואָס ציען זיך שוואַרץ און לאַנג,
צו הענט, וואָס נעמען דיך מיט גוטסקייט איין,
זיי טרינקען דייַן בלוט און פאַרזיסן דייַן פּיין.

דער ווייַן האָט אויסגעטרונקען מייַן גאַנצן פאַרשטאַנד.
איך בין דער שענסטער קעניג פון שענסטן לאַנד.
מייַנע שיכורע פיס וואו פירן זיי מיר ?
צו אַ בלינדנס טאָרבע, צי צו אַ גרעפינס טיר ?
אין דער נאַכט האָט אַ ליכט אויפגעשטראַלט.
עס וואָגלט מיט מיר אַ ליכטיק געשטאַלט,
נעם מיך מיט דיר און פיר מיך אַוועק,
מייַן האַרץ פאַלט איין פון גליק און פאַר שרעק.

דער ווייַן האָט אויסגעטרונקען מייַן גאַנצן פאַרשטאַנד.
איך און מייַן שאָטן, מיר וואָגלען בייַנאַנד.
מייַנע שיכורע פיס וואו פירן זיי מיר,
צו אַ בלינדנס טאָרבע צי צו אַ גרעפינס טיר ?
ס'איז מיר ביטער אין וואָר און ביטער אין טרוים,
איך בין אין מייַן לעבן געצאַמט אין אַ צוים.
העלפער, דערלייזער, לייז מיך אויס,
ווייל שטיל איז מייַן מויל, אָבער מייַן ווייטיק איז גרויס.

איך בין אַ פרעמדער

איך בין אַ פרעמדער בעטלער אין אַ פרעמד לאַנד.
וואָס קיינער ווייסט ניט פון זיין פאַרשאָלטן געביין.
וואָס האָט שוין טויזנטער מיילן אויסגעשפּאַנט,
און וועט נאָך אין זיין לעבן גיין און גיין.

און וואו ער קומט באַגעגנט אים אַ קעלט.
און דער הונגער טריקנט אײַן זיין לייב ביז ביין.
ער שטעלט אויס זיינע אויגן צום ליכט פון דער וועלט,
אָבער אַלע לאָזן אים אין זיין אומגליק שטיין.

איך בין אַ פרעמדער בעטלער אין אַ פרעמד לאַנד.
האָב ניט קיין פריינט און ניט קיין פרייד.
אַזאַ וויסטער פלאָנטער אין מיין פאַרשטאַנד,
איך שוועב ווי אַן אומרו צווישן לעבן און טויט.

ניט איינמאָל רעד איך צו זיך אַליין :
זעליג, וואָס דאַרפסטו אַזוינע טראַכטונגען טראַכטן ?
און פּרוביר מיר געבן אַנדערש צו פאַרשטיין
און פיר מיט זיך אַן ביטערע שלאַכטן.

אָ, זע, ווי וואונדערבאַר ס׳איז דאָס ליכט פון טאָג !
און זע, ווי וואונדערבאַר די זון פאַרגייט !
זאָל דער שטראָם פון ליכט דערטרינקען דיין קלאָג,
און זאָל אויפגיין דיין לעבן מיט אַ ליכטיקער פרייד.

דערנאָכדעם בלייב איך ווידער אין מיין איינזאַם ליגן.
די פינצטערע נאַכט דעקט צו מיין געביין.
איך לאָז דער שטילקייט פון דער נאַכט מיך פאַרוויגן,
און בלייב ליגן אין דער וועלט אַן עלנטער שטיין.

דאָן

אַי, איז עס געווען דאַן אַ לעבן, מיט דייטשע באָמבעס און קנאַלן
פון האַרמאַטן,
מיט נעכט אויף פעלדער און שוואַרצע ברויט מיט טרערן.
זינט איך בין געקומען אַהער צו מיין טאַטן,
איז אַלץ אַזוי גראָ און שטיל, אַז מען קען משוגע ווערן.

ווי קינדערשע וויגן האָבן שטיבער געוויגט זיך אַהער און אַהין.
מען פלעגט אויפשטיין באַגינען און שטאַרבן אין די גראָע פאַרנאַכטן,
ווער וואָלט זיך ריכטן, אַז אַרום זאַראָמב און מאַלקין
וועלן פאַרקומען אַזוינע גרויסע בלוטיקע שלאַכטן.

אַי, האָט זיך דאָס לעבן געצאַפּלט אין יענע צייטן,
און איצט איז אַלץ אַזוי שטיל און געלאַסן.
אַז איך לאָז מיין שטוב, ווייל ס'איז מיר אומעטיק אין דער שטילקייט
צו זיצן,
גייט מיר דער אומעט נאָך אין די גאַסן.

ווער וואָלט זיך ריכטן

איך האָב ניט איינמאָל געטרונקען דעם ווײַן פון אירע ליפּן.
דאַן בין איך געווען פון איר האַרץ דער קעניג.
ווי אַ זילבערנע כוואַליע, וואָס ווערט פון אַ שיף צושניטן,
איז זי געווען צו מײַן ווילן אונטערטעניק.

די טײַערסטע בלומען האָבן געבליט אין אונדזער חלום.
אין די לאַנגע נעכט וואָס מיר פלעגן שפּאַצירן,
ווען שטערן האָבן שוין געלויכטן אויף דער פּוסטער ערד,
ווען אַלע ריגלען זײַנען שוין געלעגן אויף די טירן.

אין די שטילע אַלייען שאַרכט אונדזער גאַנג.
מיר בלײַבן זיצן בײַ אַ וואַסער, אין לאָמפּן־שײַן,
אַז די לאָמפּן ברענען אויס, זיצן מיר נאָך לאַנג,
אײַנגעוויגט אין טרוימען, פאַרשיכורט ווי פון ווײַן.

ווי איינער זעט אין שפּיגל קלאָר זײַן געשטאַלט,
זע איך עס אַלץ ווי איצטער, קלאָר.
אַ ליכטיקער שטראַל האָט דורכגעשטראַלט,
דורך מײַן פּאָר און צוואַנציק יונגע יאָר.

און אָפּגעטיילט האָט זיך פון נעכטן מײַן לעבן,
ווי ס׳טיילט זיך אָפּ פון שאָטן דאָס ליכט.
ווער וואָלט זיך ריכטן, ווער וואָלט זיך גלויבן,
אַז אַלץ וועט זיך בײַטן אַזוי אומגעריכט.

ווי די זון פאַרגייט

מיין האַרץ איז קראַנק און מיין אויג איז מיד.
דער פרילינג איז געקומען און אָפּגעבליט.
דער פרילינג איז געקומען און אָפּגעבליט,
און דערנער זיינען אויפגעגאַנגען פון ווייסן צוויט.

אונטער פאַרשלאָסענע ליפּן גליען רייד.
נאָר אין די אָדערן גליווערט דאָס בלוט,
זשאַווערט די פּען און ס'שטאַרבט דאָס ליד.

אויסגעוואָרצלט פון אַלע ערדן.
דורכגעלויטערט פון אַלע שווערדן.
און דער גרינער האָס ווי אַ גרינער בויגן,
גרינט אַרויס פון אַלע אויגן.

צו ווען זאָגן : גוט־מאָרגן ?
און צו וועמען אויסשטרעקן אַ האַנט ?
אַז אַ פריינטלעך וואָרט איז אומבאַקאַנט,
און דער וועג פון שקר איז פון מיר פאַרבאָרגן.

פאַרגיי ווי די זון אין אָוונט פאַרגייט.
אין פּורפּל שטילקייט, אין רויטע וואונדן.
און גיי אויף ווי די זון, אין מאָרגן־רויט,
אין העלע פלאַמען אָנגעצונדן.

איך כאַפּ אַ שמועס מיטן ים

גרויסער אומעטיקער ים,
די ערד בליט מיט אַזויפיל שיינקייטן,
און דו ביזט טרויעריק און וויסט.
אומזיסט שיינט אויף דיר די זון,
אומזיסט שפריצט אויף דיר דער רעגן.
גרויס איז דיין קאַמף דערהערט צו ווערן,
אין דער שטורעמדיקער וועלט.

גרויסער, אַלמעכטיקער ים,
איך שטיי לויטער פאַר דיר.
ווי לבנה ליכט, וואָס שטראַלט אויף דיר,
שטראַלט מיין בליק אויף דיר.
ווי די כוואַליעס, וואָס וויגן זיך אויף דיר,
וויגט זיך מיין האַרץ אויף דיר.
און ס׳וויגט זיך דאָס האַרץ פון באַוואונדערער,
פון וויברירנדיקע זילבערייען,
פון שימערנדיקע רענדלעך ביי דיינע ברעגן,
פון נאַקעטע מיידלעך,
וואָס דיינע טראָפּנס ווערן צו פּערל
אויף זייערע לייבער.

ווי דער שטראָם, וואָס גיסט זיך אַריבערן וואַסערפאַל,
גיסטו זיך אַריבער מיין האַרץ.
דיין ריטם רוישט אין מיין בלוט.
און דיינע רייד זיינען די רייד וואָס איך פאַרנעם,
מיין גרויסער, אומעטיקער ים.

אין שווייגן

די פײנסטע דיכטער ווערן פֿאַרלאָשן ווי שטערן.
דאָס ווייסקייט בליט אויף זייערע געזיכטער.
ווי טרויבן, פול מיט וויין,
זיינען זייערע אויגן פול מיט טרערן.

זיי זיינען ווי אַלטע פידלען וואָס הענגען אויף די ווענט,
וואָס האַלטן די וואונדערלעכסטע טענער אין זיך פֿאַרבאָרגן,
נאָר עס פעלט דער מייסטער, און די אידעלע הענט,
וואָס זאָל זיי ברענגען צו אונדז, ווי גאָט דאָס ליכט פון פרימאָרגן.

גייען זיי אום און דאַרן איין.
שטילער און ווייסער ווערן די געזיכטער.
דאָס איז דער גאָט פון שטילן פיין,
אין געשטאַלט פון די צאַרטע שווייגנדיקע דיכטער.

געשטאַלטן

ווי אַ בלאַנקע שאַרף איבער אַ ווייכן האַלדז,
איז די פּלאָג אַריבער איבער זייער אָרעם גליק.
דאָס שוואַרצע ברויט טונקען זיי אין זאַלץ,
די שיך בינדן זיי אַרום מיט שטריק.

גייען אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.
וואוינען אין אַלטע הייזער,
מיט קרומע טרעפּ.

פרי אין אָוונט
פאַלן זיי אַוועק,
דעקן איין די אָרעמע ביינער,
מיט אַלטע מאַנטלען און מיט זעק.

הון מיט ברויט מיט רויטן כריין

פאַר וועמען דאַרף איך דאָס געלט וואָס איך פאַרדין,
איך דאַרף עס ניט פאַר קיינעם נאָר פאַר זיך אַליין.
הייס איך מיר קאָכן אויף מיטאָג אַ הון,
עס איך הון מיט ברויט מיט רויטן כריין.

קוקן מיך אַלע מיט פאַרוואונדערונג אָן,
קוקן מיך אָן און קענען ניט פאַרשטיין:
וואָס פאַר אַ יום־טוב ס'איז היינט אויף מיין קאָפּ,
אַז איך עס ברויט, מיט הון, מיט רויטן כריין.

אַ באָרוועסע מאַמע

אַ זומפּיקער וועג אַ פאַרלאָזטער.
פון ביידע זייטן שטייט דער אַלטער וואַלד.
אין מיטן וועג שלעפּט זיך אַ געשטאַלט:
אַ באָרוועסע מאַמע מיט אַ טאָרבע אויף זיך.
זי שפּאַנט פון שטאָט צו זיך אַהיים.
די נאַכט פאַלט צו, זי וויל גיין גיך,
נאָר די פיס זינקען ווי אין ליים.

דער וואַלד איז טיף, דער וואַלד איז ווייט,
און אַ באָרוועסע מאַמע גייט איינע אַליין.
אָ, זאָל דער טאָג נאָך ניט פאַרגיין,
און זאָל זי קומען צו די קינדער אין צייט,
און זאָל זי צום אָוונט זיי ברענגען דאָס שפּייז,
וואָס זי האָט געזאַמלט אין שטאָט ביי די גוטע לייט.

איך קען

איך קען די וועגן וואָס שניידן זיך דורך טיפע וועלדער.
איך קען די וואָס נעכטיקן אויף גאַסן.
איך קען די האָבאָס — די וואַנדער־יונגען,
דעם בלינדן מיט דער טאָרבע, וואָס מאַני לייב האָט באַזונגען.

איך קען די וואָס אָטעמען דעם שוויס פון זייערע לייבער.
איך קען די מיט געלע געזיכטער און פאַרלאָשענע אויגן.
איך קען די וואָס זיינען פאַר אַלעמען ווייבער,
און די וואָס פאַלן געליימט אויף די וועגן.

פּאָרטרעט

ער טראָגט אַ שוואַרצן, לעדערנעם רעקל.
זיין פּנים שטענדיק אין טרויער.
בייטאָג איז ער פויל ווי אַ קאַץ,
ביינאַכט לייענט ער שאָפּענהויער.

אין שטאָט גייט ער אַרום ווי משוגע.
די ווענט פאַלן אויף זיין קאָפּ.
האָט אַן אַלטע מוטער, האַנדלט זי מיט פּרוכטן,
קאָכט זי פאַר זיך עסן, עסט ער פון איר טאָפּ.

אַז דער פרילינג קומט איז ער ניט קיין היגער.
וואַקסט ער אויס אין קורצע הויזן, און אָפּגעשוירן.
פאַראַיאָריקער געשניצטער שטעקן, עטלעכע ביכער,
און ווערט ערגעץ אין דער וועלט פאַרלוירן.

זיבעצן נעגערטעס

זיבעצן נעגערטעס פּרעסן און פּרעסן,
אַז סע קומט אויפדערנאַכט,
איז ניטאָ וואָס צו עסן.

זיבעצן נעגערטעס, מיט גראָבע ליפּן,
זיבעצן נעגערטעס — זיבעצן טיפּן.

דער שווייס רינט פון די שוואַרצע באַקן.
זיבעצן נעגערטעס, ווי קאָזאַקן.

פּרעסן און פּרעסן מיט ליידיקע בייכער.
דער באָס ווערט פעטער, דער באָס ווערט רייכער.

פּרעסן און פּרעסן מיט ביטערן שווייס.
אַ נאַקעטע דאַמע אויף זיין פעטן שויס.

זיבעצן נעגערטעס פּרעסן און פּרעסן.
אַז סע קומט אויפדערנאַכט,
איז ניטאָ וואָס צו עסן.

נאַרעשע זיבעצן נעגערטעס וואָס איר זענט,
מיט אייערע פּראָסטע געזונטע הענט.

אַ טאָג אַזאַ

לייכטע קליידער אין העלע קאָלירן.
גאַסן־פּוצער אין ווייסע מונדירן.
די שלאַנקע מיידלעך, מיט די שמאָלע טריט,
דער פּאַרק שטייט אויפגעגרינט און אָפּגעבליט.

אַ זון אַ לויטערע, באַגילט די שויבן
פון פאַבריק.
ווערן גאָלד די שטויבן,
גאָלד דער בליק.

אַ טאָג אַזאַ אין גאָלדענע פאַרבן,
אין אַזאַ טאָג גלוסט זיך קיינעם ניט צו שטאַרבן.

ווערטער

ווערטער זיינען שינדלען און שפּאַלן.
בוי דיר אַ געצעלט, אַ הויז.
מיט ווערטער קען מען זיך פאַרווײַלן,
ווי מיטן ריח פון אַ דופטיקער רויז.

ווערטער זיינען זילבערנע סטרונעס,
פאַרצויגן אויף דיין האַרץ — אַ גיטאַר.
ווערטער זיינען טייערע מתנות,
וואָס ברענגען דיר טרייסט אין דיין צער.

דיכטער, ביזט מייסטער און בויער,
בויסט פון ווערטער אַ קייט.
רינגלסט אונדז אַרום מיט דיין טרויער,
און רינגלסט אונדז אַרום מיט דיין פרייד.

ווערטער ווי וויין אַ געטראַנק,
אין פאַרלאָשענע נעכט קאָמען.
וואָס לייכטן שוין דורות לאַנג,
מיטן גנאָד פון געבענטשטע פּאָעטן.

אין דער נאַכט

אין דער שוואַרצער נאַכט וואָגל איך אַרום.
קילע ווינטן יאָגן מיין געזיכט.
די גאַנצע שטאָט שטייט איינגעשטיינערט שטום.

אין שטילע בעטן רוט דאָס פאָלק,
מיט שווערע הענט און בלייאיקע פיס.
שטוב נאָך שטוב, וואַנט נאָך וואַנט,
אָקסן ליגן פון אַקער אויסגעשפּאַנט.

עס שלאָפט דער הימל און עס שלאָפט די ערד.
עס שלאָפן קינדער אין די וויגן
און עס שלאָפן אידן מיט גרויע בערד.
נאָר איינער שלאָפט ניט — דאָס בין איך.
איך צי אָן נעענטער דעם קאָלנער צו זיך,
און שפּאַן, און שפּאַן, און שפּאַן.
איינער שלאָפט ניט — און איך בין דער מאַן.

דער בלאָנדער וואַנגאַ

איך בין דער בלאָנדער וואַנגאַ, מיט די ברוינע אויגן.
אַמאָל איז איבער מיר פאַרצויגן
דער טונקעלער שיין פון טונקל לאַנד.
און אַמאָל שטייט איבער מיר דער רעגנבויגן,
פון שוואַרץ, גרוי און שוואַרצער.
איך האָב דעם בויגן, וואָס שפּילט אויף הערצער,
ווי אויף פידלען.

איך בין דער בלאָנדער וואַנגאַ.
אין אָוונט, ווען די זון צעגליט דעם הימל אין גאָלד,
ברענען אין מיינע אויגן אַזוינע גאָלדענע רינגען.
דאַן שטיי איך אַנטקעגן הימל ווי אַ וואונדערלעכער יאָלד,
מיט פאַרקאָטשעטע אויגן,
און מיט מיין טראַכט־מייסטעריי, דערטראַכט איך די הויכן,
וואָס איז נישט מיט קיין פליגל,
און ניט מיט קיין עראָפּלאַנען צו גרייכן.

איך בין דער בלאָנדער וואַנגאַ.
פאַר אַלע שווערע וועגן, וואָס איך בין שוין דורכגעגאַנגען,
אין מיין יונגן לעבן,
רו איך איצט אָפּ ביים ברעג
פון ים, און מיינע גלידער ווייגען נאָך די פאַרגאַנגענע טעג.

אין וועג אַליין

אַז דו וועסט טרעפֿן אַ מענטשן אַזוינעם אין וועג אַליין,
שטעל אים ניט אָפּ, לאָז אים גיין.
לאָז אים גיין,
ווייל ער איז פֿון אַלעמען פֿאַרשפּאָט און פֿאַרטריבן.
צו גרויס איז שוין געווען זיין שאַנד,
צו שאַרף זיין פּיין.
האָט ער פֿאַר זיך אויסגעקליבן
דעם וואַנדערערס וועג, צו זיין אַליין.
זיין פֿריינט זאָל זיין די ערד, דער בוים ,דער שטיין.

אַז דו וועסט טרעפֿן אַ מענטשן אַזוינעם אין וועג אַליין,
האַלב געבויגן און צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
שטעל אים ניט אָפּ.
ווייל גרויס איז זיין האַס צו אַזוינע ווי דו,
און צו אַלץ,
וואָס שטערט אים אין וועג.
דיינע רייד וועלן אים ווי טאָן,
ווי וואונדן, וואָס מען באַשיט זיי מיט זאַלץ.

רעד ניט קיין וואָרט, נאָר גיי אים שטיל פֿאַרביי.
דערנאָך דריי אום דיין קאָפּ,
און קוק אים נאָך,
און זע ווי ער גייט,
אַזוי טרויעריק געבויגן,
און שטילער פֿון טויט.

אַז דו וועסט שוין זעען זיינע לעצטע טריט,
ווי אין דער אומענדלעכקייט ער פאַרשווינדט,
גיי דיר דיין וועג, צו ווייב און קינד.
און אַז דו וועסט קומען בשלום אַהיים, דערצייל:
גאָט וואָגלט אַרום ווי אַ בעטלער אויף די וועגן.
פון אַלעמען פאַרשפּאָט, פון אַלעמען פאַרטריבן.
צו גרויס איז שוין געוועזן זיין שאַנד, צו שאַרף זיין פּיין,
האָט ער פאַר זיך אויסגעקליבן
דעם וואַנדערערס וועג צו זיין אַליין,
זיין פריינט זאָל זיין: די ערד, דער בוים, דער שטיין.

דריי שוועסטער

איך זע זיי ווי דורך אַ גרויען נעפּל ציען.
איינע איז פון דער צווייטער, טויטער.
ווי גרויער מאָך, גרויט אויף זיי דער טרויער,
נאָך זיי דער יונגער וואַנזין שפּאַנט — זייער באַגלייטער.

די תאווה אין די גלידער האָט אויסגעברענט.
אין טעג פון גאָלד, אין נעכט פון לבנה.
איצט גייען זיי אַרום, שטיל און פאַרשעמט.
יעדע שוועסטער אַ יונגע אַלמנה.

דער יונגער וואַנזין דרייט זיך ווי אַ שלאַנג
און ציט אַרויס דאָס לעבן פון זייערע גלידער.
אַ, טייערע שוועסטער, אַז ס׳טוט אייך איצט באַנג,
געפינט דעם טרייסט אין פּרעכטיקע לידער.

איך זע דעם סעגל ווי אַ דרייעקיקן בראָך,
וואָס ווערט פון זיך אַליין פאַרצערט,
יעדע שוועסטער, אַ פאַרשניטענע זאַנג,
וואָס דערוואַקסן צום האַרבסט איז איר ניט געווען באַשערט.

שנייד אַרויס די לבנה פון דער קלאָרער נאַכט.
זאָל דער סעגל ווי דער קאָפּ פון אַ צלם ברענען.
און יעדע שוועסטער, בלייך און שטאַר,
זאָל זיך אין יעדן ברענענדיקן עק דערקענען.

פאָר שאַפּ

די לופט איז האָריק, די לופט איז הייס.
פאַרזשאַווערטע מאַשינען און שטאָלענע מעסער.
פון בלאַסע פנימער גיסט דער שוויס,
ווי ברודנער הייל, פון לויז גערייפטע פעסער.

פייערדיקע בייטשן פאָכען איבער לייבער.
יעדער איז פון זיך אַליין נאָך שנעלער.
אין דער היים קינדער און הונגעריקע ווייבער.
לייגט יעדערער זיין פּראַצע דעם האַר אויפן טעלער.

ניט שטענדיק

ניט שטענדיק וועל איך זיצן אין פאַבריק,
און נייען פעל פון וועווערקעס און האָזן.
קומען וועט אַ טאָג אַזאַ,
איך וועל אייך אַלץ דאָ איבערלאָזן.

אויף וועגן נייע
וועל איך טריט צופירן.
מיין היים וועט זיין, אָן פענצטער און אָן טירן.
זון און הימל וועלן איר באַצירן.

תפילה

מיינע קני זינקען און איך פֿאַל אַנידער.
ווער וועט דערגיין מיינע וועגן ?
ווער וועט דערזינגען מיינע לידער ?

די וועלט איז גרויס און איך בין יונג.
איך דאַרף נאָך זען,
און איך דאַרף נאָך פֿאָרן.
גרויסער גאָט, דערלענגער מיינע יאָרן !

מאַלקין

איך זיץ ביי דער מאַשין
און טראַכט גאָר פון לידער.
אַמאָל דוכט זיך מיר אויס,
אַז איך בין ווידער — אין מאַלקין.

איך שטיי ביים וואָקזאַל — אַ באָרוועסער יינגל,
און וואַרט אויף אַ באַן, וואָס דאַרף באַלד אָניאָגן.
פּאַסאַזשירן פאָרן אַרונטער פון וואַרשע,
איז דאָ אַמאָל אַ פּעקל אונטערצוטראָגן.

קריג איך אַ מאַרק, אַמאָל צוויי,
און לויף מיט פרייד אַהיים צו דער מאַמען.
קויפט מען שוואַרץ ברויט און מען קאָכט אויף טיי,
עסן מיר וועטשערע אַלע צוזאַמען.

איך זיץ ביי דער מאַשין
און טראַכט גאָר פון לידער.
אַמאָל דוכט זיך מיר אויס,
אַז איך בין ווידער, אין מאַלקין.

דער זייגער

יעדן פרימאָרגן צעקלינגט זיך מיין זייגער:
אוי, שטיי אויף, קריך פון געלעגער.
אוי, שטיי אויף, אין פאַבריק אַריין גיך,
פאַרדינען אויף ברויט, פאַרדינען אויף שיך.

ווי אַ געפאַלענער קנעכט צו די רייד פון זיין האַר,
הער איך זיך צו צום זייגערס באַפעל.
מיט געבייטשטן קוראַזש,
כאַפּ איך די קליידער אויף זיך.
אַ וואַש, אַ קיי, אַ גיי, אַ פּאָר,
און איך בין שוין ווידער אין פאַבריק.

דער בלינדער

אַז דער בלינדער הערט די שווערע טריט
פון די וואָס קומען פון פאַבריקן,
ציט ער אויפן קאָפּ דאָס היטל,
און שפּאַנט אײַן דעם גראָבן שטעקן.

ביים עק פון שטאָט, אין אַלטער בודע,
וואַרט אויף אים אַ פרוי אַן אַלטע.
לאָזט ער זיך אַהינצו איצטער,
זיין גראָשן פרייד, אויף צווייען שפּאַלטן.

אַז אין דרויסן איז שוין שטיל,
די קראָמען לאָמפּן לאַנג פאַרלאָשן,
זיצן זיי נאָך ביים שיין פון ליכטל,
און ציילן אויס די שוואַרצע גראָשן.

ניו יאָרק

ווען אין דאָרף צעקרייען זיך די הענער,
צעקלינגען זיך די זייגערס דאָ אויף טישן,
צעטרובען זיך די טרובעס אין די שיפן,
און ס'ווערט עס אַ גערויש דאָ,
אַ גערודער,
אָטאָ — שופרות הויבן אָן
צו בלאָזן.
און די מענטשן לאָזן זיך פון שטיבער:
איינער, ענדיקט אויפן גאַס דאָס עסן.
אַ צווייטער, לויפט און שטופּט אַ האַנט אין אַרבל.
טראַמווייען הויבן אָן צו לאָזן וויסן:
גלאַן! גלאַן!
מיר זיינען שוין מיט פולע בייכער.
און אונטער דער ערד
די שטאָלענע וואַגאָנען —
ביי יעדער טיר,
שטייט איינער,
מיטן אַקסל
קלאַפּט ער, קלאַפּט,
אין וועמעס בויך,
אין וועמעס רוקן.
ווי עמיץ וואָלט
פאַרמאָסטן זיך,
מיט אַקסל — אַ וואַנט
איינצוברעכן.

נאָר די באַן
פאַרנעמט דעם צער,
פון די מענטשן
איבעווייניק,
און זי מאַכט זיך
אַזוי צו.
און זי לאָזט אים
אַזוי שטיין.
— — — — —

די זון איז שוין שפּאָר אַוועק פון מזרח.
אין די גאַסן איז געוואָרן שטילער.
נאָר אין שעפּער איז איצט אַ גערודער :
בזז, בזז — שניידער שניידן.
זממ, זממ — מאַשינען נייען.
און נאָדלען —
שטעכן.
און האַמערס —
קלאַפּן.
און בויען.
אַזוי אַלע אינדערפרי,
אַלע טאָג,
ביז נאַכט
קומט אָן.

דריי

זיי זיינען געווען זאַלבעדריט.
איז איינער פון זיי
געגאַנגען אין פאַבריק
פאַרדינען פאַר די אַנדערע צוויי.

דער צווייטער האָט גערייניקט די שטוב,
געקאָכט דאָס עסן,
און געגרייט צום טיש.

דער דריטער איז אַ בלינדער געווען.
איז ער געזעסן אויף אַ בענקעלע אַ קליין,
מיט אַ שטעקן אין די הענט,
און זיך אַלע טאָג געפרעגט —
צי סע שיינט די זון.

צוויי ברידער

דיי זיינען געווען צוויי ברידער.
האָט איינער געהאַט אַ געוועלבל,
און דער צווייטער האָט געהאַקט האָלץ.

דער, פון געוועלבל, איז געווען אַ פרומער.
און דער וואָס האָט געהאַקט האָלץ איז געווען אַ שטומער.

אין מיטן דערינען מאַכט זיך,
אַז דער פון געוועלבל
פאָרט אַוועק אויף אַ יאַריד
און קויפט זיך איין אַ קו מיט אַ קעלבל.

איצטער האַקט שוין ניט קיין האָלץ
דער שטומער.
ער פאַשעט די קו מיטן קעלבל,
ביים ברודער פון געוועלבל.

קינדערלעך שפּילן זיך

שטייט אַ יינגעלע,
און מיטן שטיקל קרייד, וואָס ער האַלט אין האַנט,
פאַרשרייבט ער זיין נאָמען
אויף אַ שוואַרצן שטיין, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט.

וואָס ווייס אַ יינגעלע פון לעבן?
וואָס אַ יינגעלע פון טויט?
צעטאַנצט ער זיך מיט קינדערשער פרייד,
און ווייזט עס די קינדערלעך דערנעבן.

וויל דאָך יעדער יינגעלע ווייזן,
אַז ער וויל — קען ער, —
כאַפּט יעדער אַ שטיקל קרייד אין האַנט,
און איין יינגעלע שרייבט פון צווייטן יינגעלע
שענער,
זיין נאָמען אויף די מצבות, וואָס שטייען אָנגעשפּאַרט אין וואַנט.

הינט

פאַראַנען הינט, וואָס קיינער קויפט ניט פאַר געלט.
זיי וואָגלען אום ווי יתומים
אויף דער וועלט.

זייערע לייבער ווייסן
דעם טעם פון שטעקן.
אין הונגעריקע שעה'ן שטייען זיי
ביים יאַטקע וואַנט און לעקן.

זיי לויפן שטענדיק אום
מיט קעפּ געבויגענע צו דר'ערד;
אַמאָל באַוואָנכען זיי אַ טויטע קאַץ,
אַמאָל אַ שאַרבן פון אַ פערד.

ווייבער

בין דרייסיק יאָר זיינען זיי שיין און וואונדערבאַר,
דערנאָך צעגיסט זיך איבער זיי אַזאַ מידער צער.
דאָס לייב ווערט פויל און לאָזט זיך ביז די קני אַרונטער,
די פלאַכע בריסטן הענגען ביז די בייכער.
די וואָס זיינען אַביסל רייכער,
און מיט באַגער אויסצוקוקן יינגער,
ציען אָן אויף זיך די שענסטע קליידער,
און פוצן זיך די נעגל פון די פינגער.
נאָר די, וואָס וואוינען אין די ענגע הייזער
און האָבן קוים צו זעט דאָס עסן —
די האָבן אין זיך שוין לאַנג פאַרגעסן.
זיי פאָרען זיך אַצינדער
מיטן קאָכן און מיטן פרעסן
און זיינען גוטע מאַמעס צו די קינדער.

יונגע לידער

איך בין מיד שוין פון די גראַמען ברויט מיט טויט,
און הענט מיט וועגט.
יונגע לידער דאַרפן אַ יונגע הויט,
יונגע לידער דאַרפן ריידן מיט אַ וואונדערלעכן אַקצענט.

יונגע לידער דערמאָנען מיר אין יונגע מיידלעך,
וואָס אַז דו קושט זיי, קושן זיי דיר אָפּ,
און אַז די אומאַרעמסט זיי פאַרמאַכן זיי די אויגן,
און לאָזן צו דיין ברוסט דעם קאָפּ אַראָפּ.

ליבע קאַמעראַדן

וואָס וועט פון אונדז ווערן, האַ?
אונדזער לעבן איז געוואָרן שטיל און שאַ.
אין דער גרויסער שטאָט פאַרלוירענע סטאַדן,
און די יאָרן לויפן, ליבע קאַמעראַדן.

מיטן הוילן פינגער קאָן איך פאַרשרייבן
דאָס גאַנצע פאַרמעג, וואָס וועט פון אונדז בלײַבן.

צי אפשר די רייד פון מיין מויל
פאַלן אויף מיינע אייגענע אויערן.
און אייך איז גוט און וואויל,
און איר האָט ניט אויף וואָס צו טרויערן.

פאַרמעק איך: פאַרלוירענע סטאַדן.
און אַנטשולדיקט, מיינע ליבע קאַמעראַדן.

ווינטערלאַנד

אַ פרישע מאָרגנלופט רייצט דיין נאָז.
דו זופסט זיך אָן ווי מיט טייערן וויין.
ווי מיט פרישן ריח פון פרישן גראָז.

דעם פאַלטאָ טראָגסטו צוגעקנעפּלט,
די הענט האַלטסטו טיף אין די טאַשן.
די באַקן פלאַמען ווי רויטע עפּל.

גלעזערנעביימער שטייען אויף דער ערד.
די ערד איז מיט אַ דינעם שניי באַדעקט.
אין ערטער האָט דער ווינט דעם שניי פאַרקערט.

אַ פרישער גלויבן אין דיין האַרצן גליט.
דערפילסט פון לעבן די געטלעכע קראַפט.
איידער צו ליגן אין שאַפ פאַרשקלאַפט,
איז וואונדערלעכער צו שפרייטן די ווייסע טריט.

דאָס שיינע פריילן

זי שטייט נאַקעט פאַר זיך אַליין.
דער שפּיגל איז קלאָר און לאַנג,
און זי איז ווייס און שלאַנק
און וואונדערשיין.

פון איין זייט שטייען די בלומען פון דעם,
וואָס וואָלט פאַר איר דורכגעגאַנגען די גרעסטע שלאַכטן.
פון דער צווייטער זייט שטייען די בלומען פון דעם,
אין וועמענס אָרעמס זי רוט אין די שטילע פאַרנאַכטן.

זי טרעט אָפּ פון שפּיגל עטלעכע טריט,
און נעמט דאָס וואַסער אין איר איידעלער האַנט
און פרישט אָפּ די בלומען פון דעם וואָס זי ליבט.

זי שמעקט דעם ריח פון זיי
טיף אין איר האַרצן אַריין.
זי שטייט פאַרשיכורט פון זיי,
ווי פון טייערן וויין.

די אַנדערע בלומען פרישט זי ניט אָפּ
זי לאָזט זיי פאַרוויאַנען דעם זעלבן טאָג.

משה נאַדיר 1929

עס וועלן פלאַטערן פאָנען, רויטע פאָנען וועלן פלאַטערן.
עס וועט זיין גוט, עס וועט זיין אַ מחיה
פאַר אַלע וואָס פראַצען איצט, און טוען זיך מאַטערן.
לאַמטאַ, דע־דויאַ, דע־דייע.

צעשטערן די וועלט, די אַלטע וועלט צעשטערן.
און אויפבויען אַ וועלט, אַ שפּאָגל נייע.
פון הוילע פרייד, מירן אָפשאַפן טרערן.
לאַמטאַ, דע־דויאַ, דע־דייע.

איך זיץ מיר אויפן באַרג, אויפן יאַרמולקע באַרג *),
און גרייט שוין צו די לוויה,
פאַר אַלע וואָס רייטן אויפן אַרבעטערס קאַרק.
לאַמטאַ, דע־דויאַ, דע־דייע.

גיכער מיין פען, שנעלער מיין ביקסע.
ווי געהאַרכזאַמע קינדער, געטרייע.
דער אַרבעטער קלאַס איז מיין ווייב, מיין שיקסע.
לאַמטאַ, דע־דויאַ, דע־דייע.

*) אַ באַרג אין קעמפּ „ניט־געדאַיגעט"

„יאָנג אַמעריקאַ“

צו דרייצן יאָר
שמירט זי שוין דאָס פּנימל,
פאַרבט שוין צו די ליפּעלעך,
הוצי, פּוצי,
הוצי, פּוצי.

טראָגט אַ קורצע קליידעלע,
זאָקן זיידענע,
און ווינקט מיט די אויגעלעך,
הוצי, פּוצי,
הוצי פּוצי.

קומט אַ יונגעלע אונטער,
לעבעדיק און מונטער,
אַ צי, אַ קניפּ, אַ ציפּ.
גיט זי כלומרשט מיטן פיסל
אַ טיפּ,
נאָר דאָס הערצל טענצלט אונטער:
הוצי, פּוצי,
הוצי, פּוצי.

קומט די שוואַרצע נאַכט צוקריכן,
הילט אַלץ איין אין שוואַרצע טוכן.
שפּילט מען זיך אין „הער“ און „דאַמע“,
ווערט אַ טאַטע, ווערט אַ מאַמע.
הוצי, פּוצי.
הוצי, פּוצי.

אַמאָל מאַכט זיך

איך בין איינמאָל אַריינגעקומען צו אַ נקבה,
האָט זי זיך געבראָטן צוויי טייבעלעך אין אַ פאַן.
די באַקן פאַררויטיקט, ווי ביי אַ יונגע כלה,
וואָס גייט צום ערשטן מאָל שלאָפן מיט איר מאַן.

איך קוק איר אָן און זי קוקט מיך אָן.
קוקן מיר זיך, הייסט עס, ביידע אָן.
און צוויי פיינע ברוסטן קוקן אַריבער,
ווי זי שטייט אַזוי אין די קליידער אָנגעטאָן.

— וואָס איך טו — און אַזוי ווייטער.
מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט.
און איך טראַכט: סינאָריטאַ,
סאַר׳אַ פיינע טויבן ביי דיר פליען פון בעט.

צוויי פיינע ברוסטן קוקן אַריבער.
צוויי טייבעלעך פרעגלען זיך אין פאַן.
דו ביזט די פאַררויטלטע כלה,
און איך בין דער גלוסטיקער מאַן.

אַ גרוס

שוין לאַנג ניט געזען אַ קו פאַר די אויגן.
שוין פאַרגעסן, ווי אַ האָן קרייט.
מויערן וואַקסן דאָ נאָך אַ רעגן,
מען פראַצעט שווער פאַרן שטיקל ברויט.

אַלע גאַסן האָבן דאָ איין פּנים:
גרויע ווענט, גרויע ווענט, גרויע ווענט.
פון די שמאָלע געסלעך קריכן אונטער בעטלער,
מיט אויסגעגעלטע, מאָנענדיקע הענט.

שוין וויפל מאָל פּרובירט אַ פרייד אויף זיך אָנציען.
דערנאָכדעם בלייב איך אין מיין אומרו ווידער.
איך טראַכט פון העלע טעג מיט גאָלדענע שקיעות,
און זינג דערווײלע אומעטיקע לידער.

נאָענטע ווערטער

נאָענטע ווערטער

אין קאַמף ווערט דאָס בלוט צעצונדן.
דאָס לאַנד פלאַקערט מיט אַ העלישן פייער.
עס פאַלן די העלדן, וואָס זיינען אונדז טייער,
און ס׳ליגן לייבער מיט בראַנדיקע וואונדן.

ליגן די העלדן, און סע שאַלט דער האָרן.
פאַרביסן און ביטער דער קאַמף גייט אָן.
פון שונאס לאַגער פלאַקערט דער צאָרן,
און ס׳פאַלט דער העלד מיט דער רויטער פאָן.

ליגט דער העלד, און ס׳פלאַטערט די פאָן,
און נייע העלדן רייטן אָן.
מיט נייע כוחות, מיט פרישן מוט —
ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

אַ ברודער צו אַ ברודער

עס רודערט זיך אויף דער וועלט, די אַרבעטער פֿאָדערן.
צווישן לעבן און טויט גייט אַ געוועט.
פֿון אָנגעשטרענקטקייט שפּאַרט זיך דאָס בלוט פֿון די אָדערן,
נידער אַראָפּ פֿון דער לבנה, ברודערל פֿאָעט.

אויף דער גאַנצער וועלט לייכטן רויטע סיגנאַלן.
בלייב שטיין, פֿאַרטראַכט זיך: אין טומל,
ווען האַרמאַטן דונערן און ס׳בליצן שראַפּנעלן,
זיצט מען ניט און מען גלעט ניט דעם סאַמעט פֿון אַ בלימל.

קום און העלף וויגן פֿון קאַמף דעם גלאָק.
דאָס לעבן איז ווי פֿייער אָנגעגליט.
עס רייטן באַרוועסע יונגען, צום ליכטיקן טאָג,
קום און העלף מיט, מיט דיין ליכטיק ליד.

מאַי

דער וואָס פאַרשטייט דאָס לעבן דער פאַרשטייט.
דער וואָס זעט, זעט ווי דורך קרישטאָלן:
ווי אַ וועלט נידערט און פאַרגייט,
און ווי אַ וועלט גייט אויף פון טיפע טאָלן.

אין רויטע רובאַשקעס און פּראָסטע הויזן,
אויף איין פוס אַ שטיוול, אויפן צווייטן — אַ שיך.
קומען די יונגעען דאָס פאָלק אויסלייזן,
פון שווערן יאָך, וואָס עס טראָגט אויף זיך.

די זון שיינט אויף ווי אַלעמאָל,
און ווי אַלעמאָל די זון פאַרגייט,
נאָר היינט האָבן יונגעען פון טיפן טאָל
איבער די גאַסן זיך אויסגעשפּרייט.

פון די הערצער זינגט זייער קול,
און פון די אויגן שטראַלט זייער פרייד.
ס׳שפּאַנען יונגעען וואָס גיסן שטאָל,
און ס׳שפּאַנען יונגעען וואָס באַקן ברויט.

ס׳איז אַ טאָג היינט פון פאָנען און סטענגעס,
און מיט קאָנפעטי זיינען קעפּ באַשיט.
ווי לאַנגע קייטן ציען זיך שערענגעס,
האַרץ איז אין האַרץ אַריינגעשמידט.

פון טיפן האַרצן זינגט זייער קול,
און פון די אויגן שטראַלט זייער פרייד.
דער וואָס זעט, זעט ווי דורך קרישטאָל,
און דער וואָס פאַרשטייט דאָס לעבן — דער פאַרשטייט.

סאַקאָ און וואַנזעטי

שנייד אַרויס אַ שטערן פון דיין פאָן,
זאָל דיין פאָן ניט פלאַטערן מיט שאַנד,
אויף די פרייהייט־טעמפּלען פון דיין לאַנד —
פאַר די זינד פון מאַסאַטשוסעטס.

שנייד אַרויס אַ שטערן פון דיין פאָן,
אויפן אָרט פון שטערן וועב אַריין,
אין גאָלדענעם געוועב,
סאַקאָ און וואַנזעטיס קעפּ.

די באַלאַדע פון ווילי דעם גאַסן־קערער

טאָג נאָך טאָג,
ווי די זון פון מזרח צו מערב,
איז ווילי געגאַנגען
מיט הילכיקע טריט נאָכן וואָגן,
פון סאָפּאָלק צו נאָרפאָלק,
פון העסטער צו עסעקס,
און געוואָרפן פולע פעסער
מיט רעשטלעך פון זאַטע טישן,
געמישט מיט ברוינע קאַשע,
געמישט מיט שטיקער הויזן,
מיט פעטע פּאַפּירן —
אין טיפן וואָגן.

אַז דער וואָגן איז געוואָרן פול,
האָט ווילי דעם פערד געטריבן
אַהין צום וואַסער,
ווי ריחות פון סאָפּאָלק,
און אַנדערע גאַסן,
קומען זיך צוזאַמען.

אינאיינעם מיטן מיסט,
אין זעלבן וואָגן,
האָט ווילי זיינע טעג
צו קבורה געפירט.
אַזוי יאָר נאָך יאָר,
יאָר נאָך יאָר,
ביז זיין קאָפּ איז געוואָרן גראָ.

שוואַך די הענט.
פעסער הויבן זיך ניט מער.
און קיין ווייב איז ניטאָ.

און קינדער זיינען ניטאָ.
האָט ווילי ריין די הענט צעוואַשן
און האָט זיך צום שפּילן אַ פידל געקויפט.

בייטאָג, און אַמאָל ביז שפּעט אינדערנאַכט,
איז ווילי אין צימער געשטאַנען,
און מיט דאַרע ציטערנדיקע פינגער
געפירט דעם סמיטשיק איבערן וויינענדיקן פידל.
געפירט דעם סמיטשיק איבער זיין וויינענדיק האַרץ.

ביז אַ טאָג איז געקומען,
און שכנים יונגע,
און שכנות אַלטע,
האָבן פראַגן זיך געשטעלט:
וואו איז ווילי דער אַלטער?
וואו איז ווילי מיטן פידל?
קיינער ווייסט ניט,
קיינער הערט ניט,
האָבן חברה ניט געטראַכט,
און געלאָזט זיך צו זיין צימער,
און די טירן ברייט צעפראַלט,
און געפונען דאָרטן ווילין,
אויפן דיל אויסגעצויגן,
מיטן פידל אויפן האַרצן.

קיינער האָט ניט געוויינט אויף זיין טויט.
קיינער האָט נאָך אים קיין ליכט ניט געצונדן.
וואויל איז אים וואָס ער האָט אַ פידל געהאַט.
האָט מען דעם פידל פאַר לייוונט פאַרקויפט,
פון לייוונט תכריכים אויפגענייט,
און אים באַגראָבן דעם זעלבן אויפדערנאַכט.

טשין לי פאַנג

דער טראַכטמייסטער טשין לי פאַנג
זיצט אויפֿן טראַכטשטול, און ס׳גייט אַ גאַנג.
די אָרעמע לבנה, וואָס אַלע האָבן פאַרלאָזן —
ווייַ צו אים און ווייַ צו דער לבנה.

און דער בלינדער פויגל וואָס זעט ניט צו פליען —
ווייַ צו אים און ווייַ צום פויגל.
אַן אַלטע יידענע, אַן אָרעמע אַלמנה,
שטייט אויפֿן ראָג און פאַרקויפט בייגל.

איז ווי זשע קומט די לבנה צו בויגל?
און וואָס זשע טוט דאָ דער בלינדער פויגל?
נאָר אַז מען גייט אַוועק פון דאַנען אַהין,
ווערט פון ציגענע מילך, קעז מיט קרים.

די לבנה שטייט אַנטקעגן טייך,
ווי אַ זילבערנע כלה קעגן אַ שפיגל.
(דאַכט זיך, האָ, ניט קיין שלעכטער פאַרגלייך?)
און שבת נאָכן טשאָלנט איז שבת נאָכן קוגל.

איז ווי זשע קומט די לבנה צו קוגל?
און וואָס זשע טוט דאָ די זילבערנע כלה?
נאָר אַז מען רייבט זיך אין שטערן אַביסל אונטער,
ווערט פאַרן אויג אַלץ נתגלה.

פאָרטרעט פון אַ בראָדווייער לעב־פויגעלע

בריליאַנטן גליען אויף די איידעלע פינגער.
טריט געמאָסטן ווי געצאַמטע פערזן.
די שטייפע קאַוואַליערן ווערן ניט זאַט
און קריכן מיט די אויגן אונטערן קלייד,
וואו ס׳איז אויסגעפילט און גלאַט.

דעם זיסן שמייכל טראָגט זי אויפן פּנים,
ביז צוויי, ביז דריי און אַמאָל ביז שפּעטער.
דערנאָכדעם ציט זי אַראָפּ דאָס קליידל,
און גיט דאָס איבעריקע אָפּ צום פעטער.

אַז די נאַכט גרעבסט שוין פון צופיל ליבע,
ווערט זי ווי אַ שטילער מלאך אַנטשוויגן,
און חלומט פון אַ פליגעלע וואָס זינגט איר אין אויער,
פון אַ גאָלדן וויגל, וואָס טוט איר פאַרוויגן.

אין מאָרגנליכט שטייט זי קעגן שפּיגל,
און קווועלט פון זיך אין די זיידענע פּאַדזשאַמעס.
דער פעטער ווינקט צו מיט אַ שמאַלציק אויגל:
אַזוינע טעכטער געזאָגט אויף אַלע מאַמעס.

פאַרנאַכט אין סאָד

צייטיקע באַרן הענגען אויף די ביימער ווי געלע גלאָקן,
עפּל־ביימער טראָגן רויטע עפּל.
אין קורצע קליידער און געשטריקטע זאָקן,
דער שרינט אין מיט און שיין פאַרקעמט דאָס קעפּל.

שפּאַצירט דעם פּריצס זון אַ צינד
מיט זיין שענסטער מיידל.
זיי גייען שטיל און זיי ריידן איידל.
הינטן גייט זיי נאָך דער הונט.

זיי גייען שטיל און זיי ריידן איידל.
אַמאָל שטעלן זיי זיך אָפּ,
דאָס שיינע מיידל הויבט אויף איר קאָפּ,
און מיטן שטעקעלע, וואָס זי האַלט
אין האַנט, באַוואונדערט זי אַ בוים,
וואָס איז וואונדערלעך אין זיין געשטאַלט,
און שטייט פאַרחלומט ווי אין טיפן טרוים.

אַז די לופט אַרום ווערט בלויער,
און די ביימער ווערן מערער טונקל,
פאַרקלייבן זיי זיך אויף אַ שטילער באַנק.
דער הונט אַנטלויפט צווישן די ביימער.
אַ פייגל צעשפּילט זיך אין לויטערן געזאַנג.

באַלאַדע פון אַן אַלטן קאַפּיטאַן מיט זיין שיף

בלאָנדזשעט אַ שיף אויף פאַרנעפּלטע וואַסערן.
זיצט דאָרט אַן אַלטער קאַפּיטאַן.
האָט די שיף ניט קיין פייפער און ניט קיין גלאָק,
קלאַפּט דער אַלטער אויפן באַראַבאַן.

מ׳זעט ניט דעם הימל, מ׳זעט ניט דעם ים.
אַלץ איז מיט נעפּל פאַרצויגן.
קלאַפּט דער אַלטער אויפן באַראַבאַן
און אַ טרויער שלאָפט אין זיינע אויגן.

שווימט זי דריי טעג און שווימט דריי נעכט.
שווימט זי און שווימט אָן אַ ציל.
האָט שוין דער אַלטער קיין כח ניט מער,
קלאַפּט ער שוין איצט אין דער שטיל.

און שטילער נאָך קלאַפּט ער אַצינד,
און פאַלט באַלד אַוועק צו דער ערד.
ווערט ער אַנטשלאָפן, שלאָפט ער און שלאָפט,
און זעט ניט ווי ליכטיק עס ווערט.

טראַכט די שיף צו זיך אַליין:
„וואָס טויג איך אָן קאַפּיטאַן.״
וויל זי אים וועקן אויפצושטיין,
קלאַפּט זי אין באַראַבאַן.

נאָר דער קאַפּיטאַן שטייט שוין ניט אויף,
ער איז שוין אויף אייביק אַנטשלאָפן.
זעט דאָך די שיף — זי הילפלאָז אַצינד,
ניטאָ שוין אויף גאָרניט צו האָפן —

קלאַפּט זי נאָך איינמאָל: בים! בים! בום!
און לאָזט זיך אַראָפּ אין דער טיף.
אויף קלאָרע וואַסערן, אונטער אַ גאָלדענער זון,
פאַרגייט דער קאַפּיטאַן מיט זיין שיף.

שפיטאָל

אין יעדער בעט אַ שטילער קאָפּ.
אַ שטילער קאָפּ, און שטילע אויגן.
די דאַרע הענט — צוויי געלע ביינער —
ליגן אויפן דעק שטיל אויסגעצויגן.

הייליקע טריט און ווייסע קליידער.
טראָגן צער און טראָגן טרייסט.
שטייען שטילע אָנגעבויגן,
איבער די דאַרע הענט,
איבער די שטילע אויגן.

מילדע ווערטער אויף די ליפּן,
ווי קילע זאַלבן אויף רויע וואונדן.
די קראַנקע פאַרנעמען די גוטע רייד.
ביי אַנדערע ווערן די אויגן קלאָרער.
אַנדערע שלאָפן איין צום טויט.

אַ מאַמע רעדט

איך האָב אויפגעכאָוועט קינדער
אויף דערהונגערטע טעג
און ניט דערשלאָפענע נעכט.

איך האָב זיי באַקליידט —
מיט אַ טרער פון מיין אויג,
און אַ טראָפּ פון מיין בלוט,
און האָב זיי געשיקט
פאַרדינען אויף ברויט
אין דער גרויסער שטאָט.

2.

וואו זיינען מיינע קינדער ?
האָט זיי די נאַכט פאַרבלאָנדזשעט אין וועג ?
האָט זיי די זון ניט באַלויכטן די טעג ?

אין מיינע איינזאַמע שעה׳ן
וואָלט איך געוואָרן דערקוויקט
פון איינעמס אַ וואָרט,
און דעם צווייטנס אַ בליק.

אָ, גאָט, באַווייז דיינע וואונדער !
באַהעל די טעג פון מיינע בלוטיקע קינדער !

נאַכט

אַז נאַכט פלעכט אויס די שוואַרצע צעפּ
און גאַרטלט זיי אַרום דער שטאָט,
פאַרגייט דער טאָג אין גרויען שרעק,
און נעמט מיט אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט.

לעמפלעך שיין, דורך ברודנע פענצטער
פאַלן מאַט אויף זייטן גאַסן,
לייכטן צו די טריט פון שלעפער,
פאַרבן פנימער אין בלאַסן.

שפעטע שעה מיט שוואַרצן בעזים,
פאַרקערט פון גאַס די לעצטע טריט.
ערגעץ ליגט אַ טרעמפּ צעצויגן,
אַ שאָטן פון זיין בייז געמיט.

איינגעלייליעט בלייבט די שטאָט,
מיט מידע אויגן צוגעמאַכט.
אַלץ איז שטיל און איינגעהילט
אין שוואַרצן אָטעם פון דער נאַכט.

ווי סטאַדעס שאָף

יאָרן זשאַווערן אויף מיינע גלידער.
וואָס איז מיר די זון און דאָס ליכט פון טאָג,
ווען ניט די פרייד פון מיינע לידער?

ווי סטאַדעס שאָף, מיט פולע לייבער וואָל,
קומען טעג אַנטקעגן מיר מיט גרויען צער,
שפּרייטן גרויען אומעט אין מיין וועלט,
וואָגל איך אַ גרויער, אין מיין גרויער וועלט.

נאָכן דיכטערס טויט

שוואַרצע פאָנען וועלן הענגען אויפן הימל,
און גאָט וועט צינדן די לאַמטערנעס פון טרויער.
פינצטער וועט ווערן אויף דער וועלט, ווי פאַר אַ מבול,
אַלע וועלן קוקן מיט פאַרגאַפטע אויגן,
און איינער וועט דעם צווייטן פרעגן:
וואָס איז געשען?
און איינער וועט דעם צווייטן זאָגן,
מיט שטילע ליפּן:
ער איז געשטאָרבן,
דער דיכטער איז געשטאָרבן.

מיר שווייגןביידע

ווי שוואַרצער סאַמעט האָט די נאַכט אונדז איינגעהילט.
אירע צאַרטע פינגער בלאָנדזשען גרינג אויף מיין בלאָנדן קאָפּ.
מיר שווייגן ביידע,
נאָר דער בוים, וואָס קוקט צו אונדז אַזוי שטיל אַראָפּ,
גיט אַ רעד אַמאָל
און בלייבט ווידער שטיל.

איך ווייס ניט וועמעס באַקן גליען הייסער,
אירע אויגן צוגעמאַכט.
נאָר דאָס האַרץ איז וואַך,
און די ליפּן גאַרן אין דער שוואַרצער נאַכט.

דאָס מיידל וואו איך וואוין

ווייסע פאַרבן בליען אויף איר פּנים,
שטילער ווייטיק גליט אין אירע אויגן.
נאַכט און שפּעט.
די מוטער האָט דאָס ליכט שוין לאַנג פאַרלאָשן,
און זי זיצט נאָך ביי מיין פענצטער
און הערט זיך צו צו יעדן רודער פון מיין בעט —
אין איר חלום בין איך איצט דער שענסטער.

זי זיצט אַזוי פאַרטרויערט און געבויגן.
אויפן פּלויט ליגט אַ קאַץ מיט גרינע אויגן.

וואָגלער

מיט תאוודיקע לייבער
און דורשטיקע בליקן
גייען זיי אַרום אויף די הויכע בריקן,
קוקן אין די פענצטער פון פרעמדע הייזער.

מיט תאוודיקע לייבער
און דורשטיקע בליקן
גייען זיי אַרום אויף די הויכע בריקן,
נאַשן פרייד פון פרעמדע טישן,
גנבענען נאַקעטקייט פון פרעמדע ווייבער.

דער בלינדער ביים שפּיגל

וואָס מיינט דעם בלינדנס שטיין
ביים שפּיגל און זיין קוקן אויף זיך,
ווי איך — ווי איך, אויסגעפּוצטערהייט,
מיט ליכטיקע אויגן,
מיט שטילן פרייד.
איידער איך באַגעגן
מיין שענסטע מויד.

וואָס שטייט ער אַזאַ שטילער
און קוקט אין שפּיגל אַזוי טרויעריק אַריין?
און קוקט פון שפּיגל אַזוי טרויעריק אַרויס?
מיט שטילע אויגן,
מיט טויטע אויגן,
ווי דורך אַ פענצטער פון אַ וויסטער הויז.

איך שטעל מיר פאָר

איך שטעל מיר פאָר,
אַז אין פּאַריז
האָבן די מיידלעך פיינע ברוסטן,
און וואַרעמע פיס.

איך שטעל מיר פאָר,
אַז אין פּאַריז
זיינען די שיינע מיידלעך — שיין,
די מיאוסע — מיאוס.

איך שטעל מיר פאָר,
אַז אין פּאַריז
איז אינגאַנצן אנדערש ווי הי:
דאָרטן האָבן די מיידלעך אַזוינע שמייכלענדיקע קני.
זיי זויגן דיר אויס דיין לעבן אינדערנאַכט
און לאָזן דיר ליגן אַ טויטן — אינדערפרי.

דער מיט דער מעשענער קרוין

איך קני פאַר דיר, וואונדערלעכער, שטימונגפולער זינגער,
פּאָעטישער פּאָעט.
דיין אויג דערזעט די שענסטע לבנות שווימען
נאָכן ערשטן גלעזל וויין.
ווער נאָך קאָן זיין
אַזוי דערהויבן ווי דו,
צו דערפילן דעם ווייטיק פון דער מינדסטער זאַך,
און צו הערן
די שפּראַך
פון ווינטן און פון שטערן.

גאָט געבענטשטער פּאָעטישער פּאָעט,
פון פאַרבאָרגענע וויזיעס,
פון חשובע קאַפּריזן
און אידעלע מאַניערן,
אַ פידל־בויגן צעפירט דיין האַרץ
ביז טרערן,
פון אַ מיידלס אַ גלעט,
אַ באַריר,
ווערט דאָך ביי דיר
אַ פרעכטיקער סאָנעט.

אויסדערוויילטער הימלשער גייסט,
נביא פון אונדזער צייט,
מיר זין, פון פשוטע מאַמעס,
זיינען דאָך ניט ראוי צו שטיין
אין דיינע דלד אמות.
אויף דיר איז געפאַלן דער גורל
און די לאַסט, צו זינגען אונדזער טרויער,
צו באַגיסן אונדזערע וואונדן מיט באַריק עסיד,

און צו שמירן זיי מיט זאַלבן,
כדי צו לינדערן דעם ווייטיק
פון די אָרעמע שוואַלבן
אויף דער זינדיקער ערד.

איך ווידערהאָל עס ווידער און ווידער:
אויסדערוויילטער זינגער,
פּאָעטישער פּאָעט פון אמתן טרויער,
פון די אמתע לידער.
די טעלער וואַשער וואַשן שוין דאָס געשיר,
פאַרן גרויסן יום טוב וואָס דאָס פאָלק ישראל
וועט אָפּריכטן פאַר דיר.
מיט בולקעס, מיט פיש און מיט וויין.
אַ געזונט דיר אין דיינע ביינער אַריין.

איך זוך דאָס וואָרט

איך זוך דאָס וואָרט וואָס העלט ווי אַ ליכט.
מיין פאַרטריקנטער גומען טריקנט און וואַרט
עס זאָל ווידער אויפגיין אויף מיין געזיכט
די שטראַלונג, וואָס שטראַלט פון אַן ערלעך געדיכט,
און וואַרטנדיק ווער איך איינגעדאַרט.

דער טינטער איז פול מיט טינט,
דאָס פּאַפּיר, די פּעדער, אַלץ איז גרייט.
און געדאַנקען לויפן שנעלער פון ווינט.
נאָר הפּנים דאָס וואָרט וואָס רעגט און צינדט,
איז ערגעץ אַנטרונען, איז ערגעץ טויט.

דערווייל איז ניט אַזוי גוט מיין ליבער.
און ווי דער טויבער, וואָס הערט די טריט
מיט די אויגן, פון דעם וואָס שפּאַנט אים אַריבער,
הער איך זיך צו צום קול פון מיין ליד,
און איך ווייס ניט, צי דאָס בין איך, צי ניט.

איך טראַכט

איך טראַכט

1.

ניט אין וויינענדיקע פידלען,
ניט אין טרויעריקע לידער,
גייט אויף דער טרויער פון דער וועלט.
אין וויינענדיקע קעץ, אין די שוואַרצע נעכט,
גייט אויף דער טרויער פון דער וועלט.

2.

דער גרעסטער באַרג ווערט ניט פון דער ווייטן,
און וואָס איז אַ מענטש אין גאַנג פון צייטן.
קריצט אויס דיין נאָמען אויף אַ וואַנט פון שטיין,
די שטיינערנע וואַנט וועט דאָך אויך פאַרגיין.

3.

ס'איז מיר ענג אין מיין שטוב,
ענג אויפן גאַס,
ענג אויף דער וועלט,
ענג אין די קליידער וואָס איך טראָג,
ענג אין דער הויט אויף מיין לייב.

4.
כ׳האָב פֿאַרנאַרט אַ שלאַנג אין אַן ערדענעם קריגל,
באַגאָסן מיט נאַפט און אונטערגעצונדן.
אוי, האָט זי געדרייט זיך אין אירע וואונדן!
דערנאָך האָב איך אַ לאַנגע צייט געקוקט אויף זיך אין שפּיגל.

5.
אַזוי קומען מיר.
אַזוי פֿאַרגייען מיר.
מ׳דאַרף זיך ניט צופֿיל פֿרייען.
ניט צופֿיל זאָרגן.
יעדער היינט איז נעכטן,
יעדער היינט איז מאָרגן.
קיינער קאָן ניט פֿאַרשרייבן זיין נאָמען אויף דער זון.
און אַז איינער זאָל שוין קאָנען, וואָס וועט זיין דערפֿון?

.6

יעדער דור אָטעמט אַריין זיין אָטעם אין דער וועלט.
יעדער דור בויט זיין גֹעצעלט.
כ׳האָב נעכטן געהערט דאָס טעמפּע קרעכצן
פון אַן אַלטער שטוב,
אין געראַנגל מיט זיבעצן שטאַרקע יונגען.
און היינט איז אויסגעוואַקסן אויפן זעלבן אָרט
אַ זיבן־שטאָקיקער בנין.
גרויסער גאָט, וועל איך נאָך זיין אויף דער וועלט,
ווען יענע וועלן צעשטערן וואָס די האָבן אויפגעשטעלט ?

קאַפּריז

די לבנה איז שוין גרוי פון אַלטקייט.
די לבנה שימלט שוין פון צופיל שטענדיקייט.
איך וואָלט געגליכן: אַ דריי־שפּיציקע לבנה,
אַ פיר־שפּיציקע לבנה,
אַ פינף־שפּיציקע לבנה,
אַן אַנדערשדיקע לבנה.
און ביימער דאַרפן וואַקסן מיט די קעפּ אַראָפּ,
מ׳זאָל ניט דאַרפן קלעטערן אויף זיי.
דער רעגנבויגן מעג שוין אויך בייטן זיינע פאַרבן.
מ׳קאָן דאָך שטאַרבן פון אַזאַ מאָנאָטאָנקייט
אויף דער וועלט.
ימען דאַרפן בלייבן שטיל.
ס׳האָט דאָך קיין זין ניט דאָס שטענדיקע רוישן.
ווייטן דאַרפן ווערן טיפן,
טיפן דאַרפן ווערן ווייטן,
אין די ראַמען פון אַנדערשקייטן.

איך האָב פיינט שרייבער וואָס שרייבן פאַר אומשטערבלעכקייט,
און דיכטער וואָס דיכטן פאַר אייביקייט.
אייביק איז גרוי.
אייביק איז שימל.
אייביק איז שטויביק.
איך בין גרייט צו שטאַרבן פאַר איינעם,
וואָס איך בין אים אייביק אין די אויגן.
אַוודאי איז שיין דאָס שיינע לעבן.
אָבער נאָכן שיינעם לעבן,
איז דער שיינער טויט נאָך שענער,
ווייל יעדער אַנדערש איז שענער.

אינהאַלט

1—באַגינען

די מאַמע 5
קליידער 6
מיר גייען 7
אַלע זונען 8
זומער 9
ליבע מאַמע 10
באַגינען 11

2—זינג זינגער

זינג זינגער 29
פרילינג 30
קום מיין קאַלדרע 32
וויין פאַנטאַזיע 33
איך בין א פרעמדער 34
דאַן 35
ווער וואָלט זיך ריכטן 36
ווי די זון פאַרגייט 37
איך כאַפּ אַ שמועס מיטן ים 38
אין שווייגן 39
געשטאַלטן 40
הון מיט ברויט מיט רויטן כריין 41
אַ באָרוועסע מאַמע 42
איך קען 43
פּאָרטרעט 44
זיבעצן נעגערטעס 45
אַ טאָג אַזאַ 46
ווערטער 47
אין דער נאַכט 48
דער בלאָנדער וואַנגאַ 49
אין וועג אַליין 50
דריי שוועסטער 52
פּאָר שאָפּ 53
ניט שטענדיק 54
תפילה 55
מאַלקין 56
דער זייגער 57

דער בלינדער 58
ניו יאָרק 59
דריי 61
צוויי ברידער 62
קינדערלעך שפּילן זיך 63
הינט 64
ווייבער 65
יונגע לידער 66
ליבע קאַמעראַדן 67
ווינטערלאַנד 68
דאָס שיינע פרײלן 69
משה נאַדיר 1929 70
„יאָנג אַמעריקאַ" 71
אַמאָל מאַכט זיך 72
אַ גרוס 73

3—נאָענטע ווערטער

נאָענטע ווערטער 77
אַ ברודער צו אַ ברודער 78
מאַי 79
סאַקאָ און וואַנזעטי 80
די באַלאַדע פון ווילי דעם גאַסן־קערער 81
טשין לי פאנג 83
פּאָרטרעט פון אַ בראָדווייער לעב־פויגעלע 84
פּאַרנאַכט אין סאָד 85
באַלאַדע פון אַן אַלטן קאַפּיטאַן מיט זיין שיף 86
שפּיטאָל 87
אַ מאַמע רעדט 88
נאַכט 89
ווי סטאַדעס שאָף 90
נאָכן דיכטערס טויט 91
מיר שווייגן ביידע 92
דאָס מיידל וואו איך וואוין 93
וואָגלער 94
דער בלינדערביים שפּיגל 95
איך שטעל מיר פאָר 96
דער מיט דער מעשענער קרוין 97
איך זוך דאָס וואָרט 99

4—איך טראַכט

איך טראַכט 103
קאַפּריז 106